שנה ה'
גליון ק"י

ראה-שופטים
תשפ"ו לפ"ק

בעזהשי"ת

# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

גליון פנימי לאנ"ש חסידי פאפא • י"ל ע"י 'מערכת פאפא'

### מדור שיחות קודש ——— א

בתוכן:

בנינו ערבים / **חילוקי דרכים בין חסידים למתנגדים** / כבוד התורה / **תורה עם יראת שמים** / תיקון הנפש ע"י תורה / **זמני תפלה אצל חסידים** / הנהגות מיוחדות לצדיקים כפי מדרגתם / **חבישת 'גארטל' כמנהג חסידים** / קדושת הגה"ק משימאני / **חבישת 'שטריימל' כמנהג חסידים** / אשרי מי שראה פני הצדיקים / **חינות הבנות** / חינוך אודות גיהנום / **שיכון סקווירא בימי קדם** / אמונת צדיקים / **ועוד**

### מדור דברות קודש ——— יד

בתוכן:

התקשרות לצדיק / **אמונת צדיקים** / צדיק הוא ממוצע בין ה' לישראל / **מדריגות הצדיקים** / יראת שמים בכח הצדיקים / **בדרכי בעל הילולא** / מדת השלום / הודאה לה' / **הכרת הטוב** / סדר והגית / **כשרות הבשר** / תורה עם יראת שמים / **ליין-מאטריאל** / טעלעפאנען / **הלבוש והלשון** / התרחקות ממותרות / **ועוד**

### חסידים דערציילן ——— כא

יהי כבוד ה' / **גלגול שלג** / שויתי ה' לנגדי תמיד / **קדושת מחנה הקיץ** / הילולא דצדיקיא / **אויר רוחני**

שיחת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בעת ביקור בקודש פנימה של **המחותנים כ"ק האדמו"ר מתולדות מרדכי וויזשניץ שליט"א והגה"צ אב"ד שמן למנחה נאדפאלא שליט"א**

**אחר שמחת התנאים בחצר הקודש יום א' נשא א' תשפ"ו לפ"ק**

**אב"ד נאדפאלא:** אז מ'האט קע"ה בשותפות'דיגע אייניקלעך דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן צוזאמען.

**מרן שליט"א:** בנינו ערבים (לשון מדרש שיר השירים א, כד), זיי זענען דאך אונזערע ערבים, זיי נעמען ערבות פאר אידישע קינדער, דארפן אונז זיי האלטן חשוב.

**אב"ד נאדפאלא:** מ'האט ברוך ה' א פיינע שותפות, איך בין שולדיג א גרויס הכרת הטוב, מיין זון [**פרע"ח הרב הערש לייב פריעדמאן שליט"א**] איז קונה גאר אסאך ביים רבי'ן אין שטוב, ער שטייגט אסאך, ס'איז פאר אונז א גרויסע זכות. בפרט אז ער קען מרביץ תורה זיין דא [ראש החבורה בכוללנו מאנסי ומגי"ש בישיבה קטנה מאנסי] איז דאס פאר אונז א גרויסע זאך.

**מרן שליט"א:** יא אודאי, ברוך ה', הודו לה' כי טוב.

**אב"ד נאדפאלא:** דער **פאלטישענער רב הגה"צ רבי ישראל אברהם שטיין זצ"ל** איז געווען א רעדנער, ער פלעגט מאכן א מלוה



מלכה איין מאל א יאר האט ער דארט צאמגערופן אלע זיינע ידידים, האט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט מזל טוב אויף דעם ברית און מזל טוב אויף דעם בר מצוה און אזוי ווייטער, א גוטן פסח, א גוט געבענטשט יאר, א גוטן סוכות; אז מ'זעט זיך נישט דארף מען אויף איין מאל וואונטשן אלעס.

**מרן שליט"א**: ער האט דאך געלערנט אין ישיבת חכמי לובלין, דארט אין לובלין האט מען אויסגעלערנט וויאזוי צו האלטן דרשות... דאס איז אויך א גוטע זאך, דאס דארף מען אויך קענען.

*

**אב"ד נאדפאלא**: איך קען געבן א גריס פונעם נייעם מחותן [**כ"ק האדמו"ר מתולדות מרדכי וויזשניץ שליט"א**], איך קען אים פון לעיקוואד; ס'קען זיין אז אונז האבן שוין ממתיק געווען די דינים, ווען מ'הערט לעיקוואד טראכט מען עפעס אז ס'איז א ווייטע זאך, א לעיקוואדע שידוך... אבער אז מ'האט שוין געטון איין שידוך מיט לעיקוואד ווערט עס אביסל זיסער...

**מרן שליט"א**: היינט איז שוין נישט דא אזא גרויסע התרחקות, **כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל** ברענגט אין די הקדמות (הקדמה לספה"ק ויגד יעקב שמות) אז היינט איז שוין נישט ווי אמאל, הגם מ'קען זאגן גבולים אויף דעם איז אבער נישט דא אזא גרויסע התרחקות ווי אמאל.

דער טאטע ז"ל ברענגט דארט א משל אז ס'איז איינער וואס האט געהאט צוויי איידימער, איין איידעם האט נאר ליב געהאט מילכיג און דער צווייטער איידעם האט נאר ליב געהאט פליישיג, האט דער שווער געמאכט עקסטער א מילכיגע קאך און עקסטער א פליישיגע קאך, שפעטער איז דער שווער געווארן א יורד מנכסיו האט ער שוין נישט געהאט צו געבן פאר דעם מילכיג און פאר דעם פליישיג, האט ער נאר געגעבן צו עסן פארווע, איז געשען א שאלה אז ס'האט זיך אויסגעמישט די כלים פון די מילכיגע קאך און די פליישיגע קאך, האט דער איד געזאגט: "די מילכיג איז שוין נישט קיין מילכיג און די פליישיג איז שוין נישט קיין פליישיג, אלעס איז שוין פארווע".

דאס זעלבע איז ווען עס קומט צו די מחלוקת פון מתנגדים און חסידים, אמאל איז געווען פארשידענע חילוקים, למשל זיי האבן נישט געלערנט קיין הלכה און ביי אונז האט מען געלערנט שלחן ערוך, זיי האבן געלערנט מער עיון און ביי אונז האט מען געלערנט בלעטער, אבער היינט לערנט שוין יעדער אלעס...[א]

**א.** ראה מה שכתב כ"ק מרן זצוק"ל שם בהקדמה: ושמעתי מאאמו"ר זצ"ל שאמר ע"ד צחות משל על דאכשר דרי ואין עוד כל כך מחלוקת


# לוח השבוע

פרשת **ראה** תשפ"ו

והגית טעלעפאן סיסטעם 718-977-5555

והגית – מפעל הלימוד והחזרה דק"ק קהלת יעקב פאפא בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

| | מסכת קידושין – סדר א' - עמוד ליום – שיעור היום | מסכת קידושין – חזרת החודש | מסכת חולין – סדר ב' - דף ליום – שיעור היום | מסכת חולין – חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג | סה: | נו. | קל | קטו |
| מאנטאג | סו. | נו: | קלא | קיז |
| דינסטאג | סו: | נז. | קלב | קיח |
| מיטוואך | סז. | נז: | קלג | |
| דאנערשטאג | סז: | נח. | חזרה | |

**הבחינה הבא:**
מאנטאג שופטים
כ"ז אב תשפ"ו לפ"ק
סדר א' - עמוד ליום
בחינה
מס' קידושין דף נט. - סז:
חזרה בחינה
מס' קידושין דף מט: - נח.
~~~~~~~
סדר ב' - דף ליום
בחינה
מס' חולין דף קיח - קלג
חזרה בחינה
מס' חולין דף קב – קיז

# לוח השבוע

פרשת **שופטים** תשפ"ו

והגית טעלעפאן סיסטעם 718-977-5555

והגית – מפעל הלימוד והחזרה דק"ק קהלת יעקב פאפא בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

| | מסכת קידושין – סדר א' - עמוד ליום – שיעור היום | מסכת קידושין – חזרת החודש | מסכת חולין – סדר ב' - דף ליום – שיעור היום | מסכת חולין – חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג | סח. | נח: | קלד | קיט |
| מאנטאג (יום הבחינה) | סח: | נט. | בחינה | קכ |
| דינסטאג | סט. | נט: | קלה | קכא |
| מיטוואך (יו"כ קטן) | סט: | ס. | קלו | קכב |
| דאנערשטאג (ראש חודש) | ע. | ס: | קלז | קכג |

**הבחינה הבא:**
זונטאג סליחות
כ"ד אלול תשפ"ו לפ"ק
סדר א' - עמוד ליום
בחינה
מס' קידושין דף סח. - עו:
חזרה בחינה
מס' קידושין דף נח: - סז:
~~~~~~~
סדר ב' - דף ליום
בחינה
מס' חולין דף קלד - קמב
חזרה בחינה
מס' חולין דף קיח - קלג

אבער דאס וואס ס'איז יא געווען ביי תלמידי בעל שם שטערקער ווי ביי זיי, דאס איז 'אמונת צדיקים', ביי תלמידי בעל שם איז אמונת צדיקים געווען זייער שטארק!

**אב"ד נאדפאלא:** אין בין יעצט געווען אין בארא פארק ביי מיין טאטן [**הגה"צ גאב"ד טענקא שליט"א**], האט ער געזאגט אז אין שלחן ערוך יורה דעה סימן רמד איז הלכות תלמוד תורה און א סימן פארדעם סימן רמג איז הלכות כבוד התורה, זעט מען אז כבוד התורה עדיף, קודם קומט כבוד התורה. ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש (שמות יט, ו) מיינט מען דער כבוד התורה.

**האדמו"ר מתולדות מרדכי וויזשניץ שליט"א הגיע, ואמר לו מרן שליט"א:**

מ'שמועסט דא אז ביידע מחותנים קומען פון לעיקוואוד...

**והמשיכו לדבר אודות 'כבוד התורה'.**

**מרן שליט"א:** ביי חסידים האט מען געמאכט זייער אסאך פון 'כבוד התורה'. וועגן דעם מאכט מען ביי חסידים סיומים אין די ניין טעג, צו ווייזן כבוד התורה.

בכלל האבן צדיקים ארייגעלייגט גרויסע כוחות צו ווייזן אז ביי חסידים לערנט מען. **כ"ק מרן מבעלזא זי"ע** האט

בין החסידים והמתנגדים כמו מלפנים, משל לנגיד אחד שהשיא בתו לתלמיד חכם והבטיח לו מזונות על שולחנו כמה שנים, והאברך הזה הי' מפונק בעניני מאכלים ול"ה איצטומכא שלו מקבל רק מאכלי בשר, וסידרו לו דירה מיוחדת עם בית תבשיל מיוחד שלא הי' בא לשם רק מאכלי בשר. ואחר איזה שנים השיא שוב בת אחרת לתלמיד חכם, ונזדמן שחתנו השני הי' לו טבע הפוכה מהראשון ולא היה יכול לקבל רק מאכלי חלב, וסידרו גם עבורו דירה עם בית תבשיל מיוחד וכלים מיוחדים למאכלי חלב, כי הי' עשיר והי"ל יכולת לעשות כן. לימים אירע שאלה שנתחלפו הכלים מבית תבשיל זה לאידך, ושאלו למורה הוראה והטריף הכל. ואחר איזה שנים אירע שהזקן ירד מנכסיו ולא הי' ביכולתו עוד להכניס לבית תבשיל של בשר ברבורים אבוסים כמקדם ולא בא לשם בשר אלא משבת לשבת וגם בבית תבשיל האחרת הוצרכו להסתפק בשמן במקום חמאה ובישלו בכל יום תפוחי אדמה עם שמן, ושוב אירע עוד הפעם תערובת כלים ופסק המורה דהכל כשר, ותמהו עליו הלא אותו המעשה כצורתה אירע לפני איזה שנים ולמה נשתנה הדין, אז הי' הכל טריפה ועכשיו הכל כשר, וצחק עליהם, וכי איזה דמיון יש להמעשה דעכשיו עם אותו שמלפנים, בשנים קדמוניות היו אלו הכלים באמת של בשר ואלו באמת של חלב והי' איסור גמור כשנתערבו דהו"ל תערובות בשר בחלב, אבל עכשיו הלא זה זמן כביר לא בא לתוכם לא בשר ולא חלב והשם לבד נשאר על כל א' מהכלים, אלו הכלים אינם עוד חלביים ואלו אינם עוד בשריים, וכשנתערבו לא נתערב בשר בחלב.

**ראה** שם בפנים איך שמאריך כ"ק מרן ז"ל עם הנמשל, כשמפרט שם כמה חילוקי דעות בדרכי החסידים והתמנגדים, עיי"ש בפנים כל הענין.

געשיקט **הגה"צ רבי שמעלקא טויבנפעלד זצ"ל** זאל גיין רעדן מיט די ליטווישע אין לערנען צו ווייזן אז חסידים קענען לערנען.

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ:** ווען דער זיידע **כ"ק האדמו"ר מסקווירא זצ"ל** איז געקומען אויף אמעריקא איז ער מורא'דיג נתפעל געווארן פון א נייע ווארט וואס ער האט געהערט דא, ער האט געהערט אין לעיקוואוד אזא ווארט "ליגן אין לערנען", ער איז אזוי נתפעל געווארן פון דעם ווארט.

*

**השיחה נסובה אודות הקפידא אצל חסידים ללמוד תורה בשילוב עם יראת שמים דייקא.**

**מרן שליט"א:** מ'זאגט אז איינער פון די ראשי ישיבות האט עפעס געזאגט פאר **כ"ק האדמו"ר הבית ישראל מגור זצ"ל** אז ביי זיי לערנט מען מער ווי ביי די חסידים, האט דער גורער רבי אים זייער שארף געענטפערט, ער האט אים עפעס געזאגט אז דער זעלבער בעל דבר וואס העלפט ביי אונז נישט לערנען העלפט ביי זיי יא צו לערנען.

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ:** ס'איז דאך באקאנט וואס דער **'תולדות'** זאגט איבער דער מאמר אז 'חסידים לערנען ניט'.

**מרן שליט"א:** דער **'דגל'** פרשת ויקרא (ד"ה עוד ירמוז א' זעירא) ברענגט עס פון 'תולדות', אז די וועלט זאגט אז ביי חסידים לערנט מען ניט און די לומדים לערנען יא, זאגט ער פשט ביי חסידים וויפיל מ'לערנט זאגט מען אז ס'איז נאך ניט, און ביי די מתנגדים איז פארקערט[ב].

**אב"ד נאדפאלא:** אבער היינט איז שוין אתי סנחריב בלבל את העולם (ברכות כח.).

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ:** אין ישיבת שפת אמת איז געווען צוויי צייטן וואס די בחורים האבן זיך געקענט ערלויבן,

**ב.** לשון קדשו שם: עוד ירמוז א' זעירא. על דרך ששמעתי אומרים בשם ר' יוסף מגיד מישרים דק"ק פולנאה זללה"ה שאמר על מה שאומרים העולם שהלומדים "לערנן יא והחסידים לערנין ניט", שהאמת שהלומדים כל מה שלומדים יותר הם גדולים בעיניהם ויוחשב בעיניהם שכבר למדו הרבה כל הצורך, והחסידים כל מה שלומדים יותר הם יותר קטנים בעצמם, וזהו כל מגמתם שלומדים את עצמם להיות קטנים ושפלים בעצמם. והוא שרימז א' זעירא, אלוף לשון לימוד, זעירא להקטין עצמם, והבן.

שבת זכור און די חנוכה נעכט, וואס חנוכה איז געווען לאנגע סעודות. **הגאון דער בריסקער רב זצ"ל** פלעגט שפאצירן אויף רחוב בן מתתיהו אין ירושלים, אמאל חנוכה האט ער ארויסגעהערט פון ישיבת שפת אמת ווי די בחורים זיצן און פארברענגען שפעט אויפדערנאכט בשירות ותשבחות, האט בריסקער רב ביי א געלעגנהייט געפרעגט דעם בית ישראל: "ס'שטייט דאך (רמ"א או"ח סימן תרע סעיף ב) מצוה להרבות קצת בסעודה, פארוואס דארף מען מאכן אזעלכע לאנגע סעודות?" האט דער בית ישראל געענטפערט: "איך פראביר אריינצובורענגען אין די בחורים אז 'קצת עבירה' איז א גרויסע עבירה, ממילא לערן איך זיי אויס אז 'קצת מצוה' איז אויך א גרויסע מצוה"...

ס'איז היינט נאכט די יארצייט פון **הרה"ק האהבת ישראל מוויזניץ זי"ע** (ב' סיון), מיין זיידע **כ"ק האדמו"ר התורת מרדכי מוויזשניץ זצ"ל** האט געהערט ווי דער אהבת ישראל זאגט פאר איינעם: "איך האב נישט קיין אנדערע עצה פאר דיר נאר תורה".

חוץ איין איד וואס ער איז געווען א גרויסער עובד ה' אבער ער האט נישט מצליח געווען אין תורה, האט אים דער אהבת ישראל געזאגט די ווערטער: "אין תיקון הנפש בין איך א ספעציאליסט, דיין תיקון הנפש איז נישט



תורה", אבער וואס ס'איז יא געווען זיין תיקון הנפש האט מיין זיידע ז"ל קיינמאל נישט געוואלט זאגן.

**אב"ד נאדפאלא:** דער אהבת ישראל האט דאך געקאכט אין תורה.

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ:** ער האט אמאל געזאגט פאר'ן גבאי: "אדער ברענגסטו מיר א גמרא אדער לערנסטו מיר אויס צו גיין ליידיג". נאך האט ער אמאל געזאגט פאר דער גבאי: "קענסט דיר אלעס אויסבעטן, אויב דו לאזסט מיר נישט שטיין קיין רגע אן קיין גמרא".

**מרן שליט"א:** ביי חסידים האט מען געלערנט פאר'ן דאווענען, דאס איז געווען די הכנה צום דאווענען, ס'איז געווען א גאנצע עסק ביי חסידים, מ'האט זיך נישט געקענט שטעלן דאווענען, נאר מ'האט זיך קודם געדארפט צוגרייטן צום דאווענען מיט לערנען.

וועגן דעם פלעגט מען ביי די פוילישע צו דאווענען שפעט, שפעטער האט מען מתקן געווען ביי זיי אז מ'זאל פריער דאווענען.

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ:** כ'האב געהערט פון מיין זיידע ז"ל אז די גאנצע תקופה וואס **הרה"ח ר' משה בטלן ז"ל** איז געווען ביים סקווערער זיידן ז"ל אין ראמעניע, אין יאס און אין בוקארעסט, האט נאר ער געדאווענט פאר'ן עמוד, ווייל ס'איז געווען דארט גאר שוואכע מענטשן. אבער איין טאג אין יאר ביום תשעה באב האט ר' משה בטלן נישט געדאווענט פאר'ן עמוד, וויבאלד ר' משה בטלן איז דאך געווען א פוילישער חסיד, ער האט געשטאמט פון אלכסנדר'ע חסידים און ער איז אנטלאפן פון דארט צוליב די מיליטער, ממילא האט ער געזאגט: "איך זאל גיין דאווענען תשעה באב פאר חצות אן די תפילין? אלס פוילישער קען איך דאך דאווענען מתחלה נאך חצות און אנטון תפילין"... ממילא האט ער תשעה באב געזאגט קינות פאר חצות און נאך חצות האט ער אנגעטון תפילין און געדאווענט שחרית.

**מרן שליט"א:** ר' משה בטלן איז געווען פון די אלטע חסידים!

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ:** כ'האב געהערט פון **הגה"צ ר' נתן הארוויץ זצ"ל** פון מאנסי אז **הרה"ק ר' פיניע'לע מאוסטילא זי"ע** איז געווען אמאל תשעה באב אין ווין, ביי די קינות איז ער געזעסן מיט'ן קאפ צווישן די פוס און געוויינט בכיות נוראות, אבער ווי נאר ס'איז געקומען חצות האט ער זיך געגעבן א שטעל אויף, דער הויז-בחור איז געלאפן ברענגען טלית ותפילין, ער האט געליינט ד' פרשיות מיט די תפילין, ער האט עס נאכדעם אויסגעטון אבער ער האט עס נישט צאמגעלייגט ביז מנחה.

ווען מיין זיידע ז"ל איז געזעסן שבעה ל"ע אויף זיין שוועסטער האט ער געפרעגט פון אלע רבנים וואס זענען געקומען איבער תפילין פאר אן אבל ביום ראשון, אלע תלמידים פון **כ"ק האדמו"ר הדברי יואל מסאטמאר זצ"ל** וואס זענען געקומען מנחם אבל זיין האט ער געפרעגט אויף סאטמאר רב ווען ער איז געזעסן שבעה נאך זיין טאכטער צי ער האט געלייגט תפילין און זיי האבן געזאגט אז ער האט נישט געלייגט.

מוצאי שבת בין איך געווען אליין מיט מיין זיידן אין שטוב און ס'זענען געקומען מנחם אבל זיין די גבאים פון סאטמארער רב, **הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל** מיט **הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל**, האט מיין זיידע אים געפרעגט: "יוסל, זאג מיר דעם אמת, ווען סאטמארער רב'ס טאכטער איז אוועק האט ער געלייגט תפילין יום ראשון?" האט ר' יוסל אשכנזי געענטפערט: "יא, ער האט געלייגט, ער האט געבעטן מ'זאל אים עס ברענגען בצנעא כדי קיינער זאל נישט וויסן", האט מיין זיידע געזאגט: "יישר כח! כ'האב נישט געקענט גלייבן אזא זאך אז ס'זאל דורכגיין ביי סאטמארער רב איין טאג אן תפילין לייגן", האב איך אים געגעבן א פרעג: "אבער ס'שטייט דאך אין שלחן ערוך אז מ'זאל נישט לייגן?" האט ער מיר געזאגט: "פרעג מיר נישט, איך האב נישט געקענט גלייבן אזא זאך אז ער זאל נישט לייגן".

**מרן שליט"א:** אבער נישט אלעס איז געמאכט פאר יעדעם.

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ:** **כ"ק האדמו"ר האמרי חיים מוויזניץ זצ"ל** האט דאך געוואוינט אין ארץ ישראל אבער ער האט געזאגט יעדן טאג ביי מעריב געזאגט פאר זיך די ברכה פון 'ברוך ה' לעולם' מיט'ן שם ומלכות, ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן.

כ'האב געהערט פון מיין זיידן א מעשה אויפ'ן רבי'ן ז"ל אז ביים מלחמה האט מען אים געשלאגן עד זוב דם ווייל ער האט נישט געוואלט ליגן אויפ'ן רוקן, דאס איז דאך אויך

אזוי, אז הלכה'דיג דארף מען זיך נישט מוסר נפש זיין עד כדי כך, אבער ער האט נישט 'געקענט'. מיין זיידע האט אמאל געגעבן פאר א בחור א פסק אין ישיבה איבער דעם ענין, האט ער דעמאלטס דערציילט די מעשה פונעם רבי'ן ז"ל.

**מרן שליט"א**: אין מאנטרעאל איז געווען דער **רב הראשי הג"ר רבי אברהם דוד ניזניק זצ"ל**, ביים לויה פון טאטן ז"ל איז הרב ניזניק געקומען צו פארן פון מאנטרעאל, האט מען אים געפרעגט פארוואס ער איז געקומען ביז אהער, האט ער דערציילט אז דער טאטע ז"ל איז נישט געזונט געווען אין אנטווערפן, נאכדעם וואס ער איז שוין געווען געזונט איז דער טאטע ז"ל געפארן אויף 'היידע' צוריקצוקומען צו די כוחות.

דער טאטע ז"ל האט דאך נישט געדאווענט אן א מקוה, איז ער געפארן יעדן טאג א שטיק וועג ביז די מקוה, דארט ביי די מקוה איז געווען א ישיבה, **הג"ר יצחק דוב קאפלמאן זצ"ל** איז דארט געווען, דער טאטע ז"ל פלעגט אריינגיין דארט אין ישיבה פאר'ן דאווענען און ער האט גערעדט מיט זיי אין לערנען.

במשך די צייט איז דער טאטע ז"ל געווארן אביסל היימיש מיט זיי, האט אים הרב ניזניק געפרעגט אמאל: "דער רבי האט שוין געדאווענט?" האט דער טאטע ז"ל געזאגט:



"ניין, כ'האב נאכנישט געדאווענט", האט ער געפרעגט: "פארוואס האט דער רבי נאכנישט געדאווענט?" האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "ווייל כ'קען נאכנישט דאווענען, איך דארף קודם גיין אין מקוה". האט זיך הרב ניזניק געוואונדערט: "וועגן דעם דאווענט מען נישט אויפ'ן פלאץ?" האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "איך קען נישט דאווענען אן א מקוה".

האט הרב ניזניק שפעטער געזאגט: "איך האב געזען ווי דער איד מיינט עס אזוי ערנסט, אז ער קען טאקע נישט דאווענען אן א מקוה".

הרב ניזניק איז דאך געווען א ליטווישער, אבער ער איז אזוי נתפעל געווארן ווי דער טאטע ז"ל האט דאס געמיינט מיט'ן גאנצן אמת, א איד זאגט מיט אן אמת'דיגקייט אז ער 'קען' נישט דאווענען אן א מקוה; נו, אז ער קען נישט, קען ער דאך נישט...

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ**: עלף יאר צוריק בין איך געווען שבת החודש אין לעיקוואד - כ'האב נאכנישט געוואוינט אין לעיקוואד דעמאלטס - שבת פאר'ן דאווענען איז אן עלטערע איד צוגעקומען צו מיר און באגלייט אויפ'ן וועג, האט ער מיר דערציילט אז זיין פעטער איז געווען דער סעקרעטאר פון אגודת הרבנים, דער סדר איז געווען אז ווען מ'האט געוואלט שטעלן עפעס א רב אין די שטעטלעך אין אמעריקא פלעגט מען פרעגן **הגאון ר' אהרן קאטלער זצ"ל**, אבער ס'איז נישט געווען מיט'ן גאנצן הכנעה, מ'האט אים נאר געפרעגט מחמת כבודו.

אמאל האט זיין פעטער געפרעגט ר' אהרן אויף א התמנות פון א רב, הערנדיג דער נאמען האט ר' אהרן געזאגט אז ער איז נישט מסכים, האט ער געפרעגט: "פארוואס איז דער ראש ישיבה נישט מסכים?" האט ר' אהרן געזאגט: "אויב זאגסטו מיר צו אז דו וועסט מיר פאלגן וועל איך דיר מסביר זיין". האט דער איד געזאגט צו זיך: "איך קען דאך באשטיין צו פאלגן, אבער ס'איז סייווי נישט תלוי אין מיר, איך וויל דאך הערן דער טעם"...

האט ר' אהרן אים געזאגט אז ער איז אמאל געפארן אויף געלט אין א געוויסע פלאץ וואו דער איד איז געווען דער רב הקהלה, יענע טאג זענען אריינגעקומען צו אים אין בית המדרש צוויי חסיד'ישע סוחרים אויף מנחה אנגעטון מיט גארטלעך, האט ער געהערט ווי דער רב דרייט זיך אויס מיט א זלזול צום שכן אויף דעם וואס זיי טוען זיך אן גארטלעך, האט ר' אהרן געזאגט פאר דעם איד: "איך בין א גרויסער מתנגד, איך וועל נישט אנטון קיין גארטל, אבער אז א איד מאכט ליצנות פון א זאך וואס א איד מיינט דעם אייבערשטן, איז דאס א סימן אז ער איז פארפוילט פון אינעוויי'ניג".

האט מיר דער איד דערציילט, אז מ'האט טאקע נישט געפאלגט ר' אהרן און מ'האט יא אויפגענומען דעם רב, אבער ס'איז שנעל נתגלה געווארן אז ס'איז טאקע געווען פארפוילט פון אינעוויי'ניג.

**מרן שליט"א**: **הגה"ק דער שימאני רב זצוק"ל** איז געווען א גרויסער איד, די **בעלזא רבי'ס זי"ע** האבן געזאגט גרויסע זאכן אויף אים, **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** האט אים ארויסבאגלייט, דער פריערדיגער רב ז"ל האט אים געשיקט פרעגן פארוואס עס רעגנט נישט אריין אין זיין סוכה[ג]. עכ"פ, מ'האט אים אנגעטראגן א רבנות אין איינער פון די שטעט אבער מ'האט זיך אויסגענומען אז ער דארף אנטון א גארטל, האט שימאני רב געזאגט: "וועגן א רבנות וועל איך אנטון א גארטל? א גארטל שלא לשמה וויל איך נישט אנטון"...

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ**: כ'האב פונקט היינט געזען א מעשה אויף שימאני רב אז ער האט עפעס געשיקט פאר איינעם זאגן אז איינטינקען וויין אין חלה איז א סגולה פאר די הארץ, און יענער האט באקומען עפעס א הארץ-אטאקע ל"ע.

**מרן שליט"א**: דאס איז געווען מיט **הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגער זצ"ל**, דער שימאני רב האט געשיקט זאגן פאר הרב אונגער'ס פעטער אז חלה אין וויין איז געזונט

---

**ג.** ראה עלון 'בקודש פנימה' (סוכות תשפ"ג) מתוך שיחת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א: ברמ"א נפסק (או"ח סימן תרל"ט סעיף ז) וכל הפטור מן הסוכה ואינו יוצא משם, אינו מקבל עליו שכר ואינו אלא הדיוטות. ואמר על זה הרה"ק החידושי הרי"ם מגור זי"ע: "הלואי זאלן מיר זיין דער הדיוט פון דער רמ"א". מתאמרה על כמה צדיקים שלא רצו לצאת מן הסוכה, אף כשהגשמים היו שוטפים בחזקה, לפי שהיו במדריגה זו שלא היו נכנסים לגדר 'מצטער', כי אדרבה הם השתוקקו לישב בסוכה.

**כ"ק** מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע שלח לשאול מהגה"ק משימאני זי"ע "פארוואס ס'רעגענט נישט אריין אין זיין סוכה", והיינו שעל אף שהיו הגשמים שוטפים, לא ירדו כלל לתוך סוכתו. ענה הגה"ק משימאני: "איך לערן אין סוכה, איך האב נישט קיין צייט ארויפצוטראגן די ספרים, און צוריק אראפצוטראגן די ספרים"...

פאר די הארץ, און יענע שבת האט זיין פעטער געדארפט נוצן די סגולה[ד].

**ד.** ראה רשומים בשמך (מדור הרב משימאני) מזכרונותיו של הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגער זצ"ל רב חוג חת"ס ב"ב: כאשר אבי הק' זי"ע חלה ונפל למשכב והיה מאושפז בבית החולים אשר בעיר פעסט, נסעתי לבקרו. היה זה ביום חמישי בשבת, הרכבת הגיעה לעיר "דיור", שם היה צריך להמתין כשלש שעות עד בואה של הרכבת הנוסעת לכיוון העיר פעסט, ואני נצלתי את זמן ההמתנה כדי לבקר את דודי הרב ר' יחזקאל שרגא הכהן שוורץ ז"ל אשר דר באותה העיר. בשהותי בביתו הראה לי דודי "פאסט קארטל" [גלוית דואר] שקיבל באותו היום מאת הרב משימאני, אשר הנכתב בה סתום וחתום ובלתי מובן. בגלויה היה כתוב: "להטביל את פרוסת המוציא בליל שב"ק ביין הקידוש, זו היא סגולה נגד כאבי לב", עכ"ל, והרב משימאני חתם את שמו כדרכו בקודש: "עבד לעבדי ה' - שבתי שעפטיל ווייס".

**אף** אני תמהתי כמותו על המכתב הפלאי, וחשבתי שמא רומזים הדברים למצב בריאותו של אבי, הנמצא בבית החולים. אך כשהייתי בבית החולים אצל אבי, ושבתתי שם בשבת ועוד הוספתי לשהות שם עד יום שלישי בשבוע, לא גיליתי אף קשר כל דהוא לסגולה הכתובה באותה גלוית דואר.

**והנה** בדרכי חזרה לביתינו אשר בקאפאוואר הוצרכתי שוב להחליף רכבת בעיר "דיור", וגם אז עליתי לבקר את דודי ר' יחזקאל שרגא. כשבאתי אליו מצאתיו שוכה במטה מחמת חולשה, ותיכף בבואו אמר לי: "כעת נהירים לי דברי הרב משימאני". וגופא דעובדא הכי הוה; בעיצומו של סעודת ליל שבת קודש לקיתי פתאום ב"התקף לב" חזק ומסוכן, הרופא שהוחש אלי בבהילות עמד חסר אונים ולא






**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ**: מ'האט גערעדט פון גיין מיט א גארטל, ווען **הג"ר בנימין בערגער זצ"ל** האט זיך אנגעטון א שטריימל איז געווארן אן איבערקערעניש אין שטאט, האט ער אנגעהויבן צו גיין זונטאג מיט א שטריימל, דערנאך האט מען זיך מפשר געווען אז נאר אויף שבת וועט ער גיין מיט א שטריימל...

**מרן שליט"א**: מ'האט אים גערופן ר' בנימין בעלעדער, דער **באבובער רב הרה"ק רבי שלמה זי"ע** האט אים געהייסן זיך אנטון א שטריימל, ער האט נישט געוואוסט פון קיין חכמות, אז דער רבי הייסט אנטון א שטריימל דארף מען זיך אנטון א שטריימל... ער האט דאך אבער געוואוסט אז ס'וועט נישט גיין אזוי גלאטיג אין שטוב, איז ער אויפגעקומען מיט א המצאה, ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער געזאגט פאר די ב"ב אז ער גייט ארויס אין מארק אינמיטן וואך מיט א שטריימל, אבער זי האט נישט מסכים געווען, ביז מ'איז געקומען צו א פשרה אז ער וועט גיין מיט'ן שטריימל נאר שבת...

**הגה"צ רבי זלמן אונגער זצ"ל** האט מיר דערציילט אז ס'האט זיך געקענט מאכן ביים טאטן ז"ל אז ער האט עוסק געווען א גאנצע מוצאי שבת און געלערנט, ווען ס'איז געקומען זונטאג צופרי זענען אידן אריינגעקומען אין בית המדרש און געזען דעם טאטן ז"ל מיט'ן שטריימל, ווען דער טאטע ז"ל האט באמערקט אז מ'קומט שוין אין שול האט ער זיך געגעבן א הייב אויף די קאפ צום זייגער און באמערקט אז ס'איז שוין צופרי.

*

**הרה"צ רבי פינחס חיים שליט"א**: איך האב גערעדט שבת הכנה צו שבועות, האב איך דערציילט אז **כ"ק האדמו"ר מרחמיסטריווקא זצ"ל** האט דערציילט אז זיין שווער דער סקווערער רבי ז"ל איז געווען ביים קריג אין יאס אויף יו"ט שבועות, ס'איז געווען שווערע צייטן ס'איז געפלויגן באמבע'ס, האט סקווערער רבי ז"ל נישט געפלאנט צו גיין שבועות פארטאגס אין מקוה מחמת סכנה. איז געקומען צום סקווערער רבי'ן אן איש פשוט א בעדער וואס האט געהייסן משה און ער האט געפרעגט: "ווען פלאנט דער רבי צו גיין אין מקוה?" האט סקווערער רבי געזאגט פאר די מקורבים: "איך האב נישט געפלאנט צו גיין אין מקוה, אבער אז דער איד האט אמונה פשוטה אז איך וועל גיין אין מקוה, דארף איך גיין אין מקוה", אבער ר' משה בטלן האט ער נישט געלאזט גיין אין מקוה ווייל ס'איז געווען א סכנה.

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ**: איך האב געהערט פון רחמיסטריווקא רבי אז דער איד האט פארגעהאלטן דעם סקווערער זיידן: "דער רבי גייט נישט אין מקוה שבועות פארטאגס?"

**מרן שליט"א**: אמונה פשוטה!

**הרה"צ רבי פינחס חיים**: **הגה"צ אבד"ק רחמסיטריווקא-מאנסי שליט"א** [אביו של האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ] האט מיר דערציילט אז ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא צו זיין חתונה איז ער אריין צום סקווערער רבי ז"ל, די איינציגסטע שאלה וואס ער האט אים געפרעגט איז צי ער האט געזען דעם בעלזער רב ז"ל, ווען ער האט געזאגט אז 'יא' איז דאס געווען ביי אים א זאך.

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ**: ביים פטירה פונעם רבי'ן ז"ל י"ג אב תשמ"ד בין איך געווען א יונגל, האט מיר מיין זיידע אויך געפרעגט אזא שאלה: "דו האסט געזען דעם פאפא רב?" האב איך געזאגט אז 'יא', האט ער מיר געפרעגט: "וואו האסטו אים געזען?" האב איך געזאגט אז ער איז געקומען קיין שיכון סקווירא מנחם אבל זיין דעם **סערדאהעלער רב הגה"צ רבי משה ניישלאס זצ"ל**.

ביים לויה פון רבי'ן ז"ל אין קרית פאפא האט מיין זיידע דארט געטראפן מלמדים פון וויזניצע קעמפ, שפעטער אין קעמפ האט מיין זיידע געגעבן א שארפע שמועס אז מ'האט איבערגעלאזט די קינדער אליין אין קעמפ, ער האט געזאגט אז תורה איז די גרעסטע זאך, כבוד התורה איז די גרעסטע זאך, כבוד פון גדולי הדור איז די גרעסטע זאך, כבוד האחרון איז די גרעסטע זאך, אבער ס'איז נאכאלץ נישט דא אזא זאך ווי איבערלאזן די קינדער, אפילו ווען משיח וועט קומען זאל עטץ נישט ארויסגיין

---

הצליח לייצב את מצבי. לפתע נזכרתי בגלויה של הרב משימאני, תיכף רמזתי לזוגתי לטבול את פרוסת "המוציא" ביין הקידוש שעוד היה על השלחן, ותעש כן, ותתן לי ותגיש לפי. מיד אורו עיני ונשקטה ההתקפה. הרופא - כולו אחוז תדהמה - אמר לי: "הכל עבר כלא היה! אמנם הינך זקוק לכמה ימי הבראה ומנוחה על מנת שתשוב לאיתנך, אך מהמחלה נתרפאת לחלוטין!" כל כך היתה גדולתו של הרב משימאני, שברוח קדשו הקדים רפואה למכה.

מקבל פנים זיין פני משיח און איבערלאזן די קינדער אומ'אחריות'דיג.

**הרה"צ רבי פינחס חיים**: דער סקווערער רבי ז"ל פלעגט פארברענגען מיט זיינע טאכטער, ער האט זיי נישט געלאזט ארויסגיין.

**מרן שליט"א**: ער האט שטארק געהיטן זיינע טעכטער.

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ**: מיין מאמע האט מיר דערציילט אז זי איז געווען א מיידל פון אכט יאר און זי האט געוואלט גיין צו א חתונה, איז זי געגאנגען פרעגן דעם סקווערער זיידן, האט דער סקווערער זיידע איר געפרעגט: "פארוואס פרעגסטו נישט דיין טאטן?" האט זי געזאגט: "איך שעם זיך", האט ער געזאגט: "הייסט דאס אז ביזט נישט געווען נאנט צו אים אז דו זאלסט אים פרעגן?" האט זי געזאגט אז זי פארברענגט נישט מיט איר טאטן, שבת פירט ער דאך טיש ממילא קומט עס נישט אויס [ה].

הערנדיג דאס האט דער סקווערער זיידע געלאזט רופן מיין זיידן און געזאגט: "דו ווילסט האבן ערליכע טעכטער? איך האב אוועקגעגעבן אפאר טויזענט שעה

**ה.** כי האדמו"ר התורת מרדכי מוויזשניץ זצ"ל כבר ערך שלחן בשבתות לפני החסידים כשהיה אברך, בעת ששימש כרב חסידי וויזשניץ בארה"ב.




לימוד התורה צו פארברענגען מיט מיינע טעכטער". האט מיר מיין מאמע געזאגט אז דעמאלטס האט מיין זיידע אנפאנגען פארברענגען מיט זיינע טעכטער, יעדע נאכט איז ער געזעסן מיט זיי ביי נאכטמאל פאר א שעה צייט.

איך האב לעצטנס געפרעגט פון מיין מאמע: "וואס האט ער גערעדט מיט ענק די שעה צייט?" האט מיר מיין מאמע געזאגט אז ער האט דערציילט אז ס'איז דא א גיהנום וכדומה...

**מרן שליט"א**: ווען איך בין געווען א יונגל האט מען געגראבן דא די מקוה אין בית המדרש אויף בעדפארד - די מעיין-מקוה האט מען געגראבן אסאך שפעטער, איך רעד פון יארן פריער - די גרוב האבן די בחורים געגראבן, אבער ס'איז געווען דארט גרויסע פעלזן-שטיינער וואס מ'האט געדארפט רופן א קאמפעני זאל עס ארויסגראבן, נעבן דעם גרוב איז געווען א בוילער וואו ס'האט געברענט א פייער.

אמאל האב איך ווי דער סדר פון א יונגל זיך ארומגעקוקט דארט ווי מ'בויט, אינמיטן איז דער טאטע ז"ל אנגעקומען און געזען ווי איך שטיי דארט, איז דער טאטע ז"ל צוגעקומען צו מיר און געפרעגט: "וואס טוסטו דא?" נאכדעם האט דער טאטע ז"ל מיר געזאגט: "קום אהער, כ'וויל דער עפעס זאגן; דו ווייסט וויאזוי די גיהנום זעט אויס? ס'איז דא אזא גרוב, און ס'ברענט אזא פייער".

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ**: איך בין אויפגעוואקסן אין סקווירא מיט די אונגערישע מלמדים, זיי האבן אין אונז אזוי ארייגעגעבן! איך געדענק אז ס'איז געווען א יונגל וואס האט געזאגט א שקר, האט דער מלמד געשלאגן דעם יונגל און געוויינט בכיות נוראות: "א אידיש קינד זאגט שקר"... עד היום גייט מיר נישט ארויס פון קאפ די געוויין אז א אידיש קינד זאגט שקר.

כ'האב געהאט אין סקווירא צוויי פאפא מלמדים, **הרה"ח ר' משה האפפמאן ז"ל** איז געווען א מלמד פאר צוויי וואכן אין סקווירא בשנת תשל"ו, און **הרה"ח ר' שמעון בוים ז"ל** איז געווען אין די זומער א מלמד אין סקווירא.

**מרן שליט"א**: איך בין געווען אין סקווירא אלס יונגל אין די ערשטע יארן בשנת תשי"ז, ס'איז נאך געווען זייער פרימיטיוו דעמאלטס, היינט וואלט מען נישט געגאנגען וואוינען אויף אזא פלאץ וויאזוי ס'איז געווען דעמאלטס...

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ**: **הרה"ח ר' מתתי' פריעזעל ז"ל** האט מיר דערציילט אז אין די ערשטע יארן פונעם שיכון איז דער עולם געווען זייער צעבראכן, האט ער געוואלט מאכן א מלוה מלכה און רופן די אלטע חברים פון מאנסי און ער האט געוואלט רופן **הגה"צ רבי משה ביק זצ"ל** צו רעדן - ער איז דאך געווען פון די סקווירא חסידים - איז ער געגאנגען פרעגן דעם סקווערער זיידן, האט דער סקווערער זיידע געזאגט: "וואס ברענגסטו מיר אריין די אמעריקאנע זאכן דא"...

האט ער געפרעגט דעם סקווערער זיידן: "וואס איז אן אמעריקאנע זאך? אז אידן זיצן מלוה מלכה איז אן אמעריקאנע מנהג?" אז מ'רופט גוטע ברודער איז עס אן אמעריקאנע מנהג? אז מ'רופט א בעל דרשן איז עס אן אמעריקאנע מנהג?" האט דער סקווערער זיידע געענטפערט: "דו קומסט מיט גאליציאנע תורות... עס שמעקט מיר נישט די גאנצע זאך, אבער אז דו ווילסט, זאג איך דיר גארנישט".

אזוי האט ער טאקע געטון און ער האט געמאכט די מלוה מלכה, אבער ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז די תושבי שיכון סקווירא האבן זיך טאקע געוואלט טרעפן מיט די מאנסי שכנים, אבער די מאנסי שכנים האבן זיך נישט געוואלט טרעפן מיט זיי... איז אויסגעקומען אז קיינער איז נישט געקומען און פון די גאנצע זאך איז מען נאר געווארן מער פארביטערט.

זונטאג צופרי נאכ'ן דאווענען האט דער סקווערער זיידע געפרעגט פון ר' מתתי': "נו מתתי', די מלוה מלכה האט מצליח געווען?" האט ר' מתתי' געענטפערט: "אז דער רבי באווייזט אזעלכע מופתים האט עס אזא פנים"... האט דער סקווערער זיידע געזאגט: "עה, דאס איז נישט קיין מופת, טאמער מענדל טאמבער וועט האבן א רפואה דעמאלטס וועט עס זיין א מופת"...

**מרן שליט"א**: יא, איך געדענק נאך ווען מ'האט גערעדט דערפון אז **הרה"ח ר' מענדל טאמבער ז"ל** האט יענע מעשה ל"ע[ו].

---

**ו.** הרה"ח ר' מנחם מענדל טאמבער ז"ל עוד זכה ללמוד ולהסתופף בצל קדשו של כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע בעיר פאפא משך כמה שנים.

**ויצויין** מה שסיפר בנו הרה"ח ר' יוסף טאמבער הי"ו שבעתים הקשים בימי חליו של אביו ר' מענדל היו לו תקופות שהיה במצב נים ולא נים

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ**: ער האט געהאט געוואוקס אין קאפ ל"ע, דאס איז געווען תשכ"א.

**מרן שליט"א**: דעמאלטס איז דאך נאכנישט געווען אזוויי היינט מיט די אלע מאשינערי אז מ'קען אונטערזוכן דעם מענטש וואו די פארשטאפונג איז, צי ס'איז פון פארנט צי פון אונטן, איז געווען א שאלה ביי די דאקטוירים היות מ'דארף עפענען די קאפ וואו מ'זאל אנהייבן צו שניידן פון אויבן צי פון אונטן, האט ר' מענדל טאמבער געזאגט פאר די דאקטוירים אז מ'וועט פרעגן פונעם רבי'ן און וואס ער וועט זאגן אזוי וועט מען טון.

די דאקטוירים האבן זיך זייער געבייזערט: "וואס האט דער רבי אריינצורעדן דא?" למעשה האט מען געטון אזוויי דער רבי האט געזאגט און מ'האט טאקע מצליח געווען.

---

תיר ולא תיר, פעם בתקופה זו הוטב מצבו קצת והתעורר משינתו, אז סיפר שהוא ראה בחלום את כ"ק מרן זצוק"ל בעת אמירת שירת הים ליל שביעי של פסח. לאחר זמן כשהיה בצל הקודש אצל מרן ז"ל, סיפר למרן ז"ל מה שראה אז בחלומו, מרן ז"ל התייחס לדבריו ברצינות יתירה ואמר בלשון קדשו: "יא, ס'איז באוואוסט אז דער זמן פון שביעי של פסח ביינאכט איז מסוגל פאר נסים, ישועות מיט רפואות".

**בהזדמנות** אחרת בעת שהתעורר משינתו סיפר שראה איזה איש זקן מסתובב סביב מטתו וכמה פעמים יושב בסמוך לו, והיה מסופק אם זה היה כ"ק מרן ז"ל או כ"ק מרן מבעלזא זי"ע.

**האדמו"ר מתו"מ וויזשניץ**: ס'איז געווען א איד אין מאנסי וואס האט געהייסן **הר"ר רפאל קלוגמאן ז"ל**, ער איז געווען א פראנקפורטער, א ריכטיגע יעקער, האט ער דערציילט אז ער האט געהאט א טאכטער וואס מ'האט ביי די ניינצן יאר געדארפט אפערירן די הארץ, איז ער געגאנגען זיך דורכרעדן מיט **הגאון ר' יעקב קמנצקי זצ"ל**, האט ער אים געזאגט: "דא נעבן מאנסי איז דא א רבי דער סקווערער רבי, גיי רעד מיט אים".

האט ר' רפאל קלוגמאן זיך געוואונדערט: "איך בין א יעקער, וואס האב איך צו פרעגן פון א רבי'ן?" האט ר' יעקב קמנצקי געזאגט: "איך האב נישט קיין אנונג וויאזוי די רבי'ס זאגן זייערע הוראות, אבער איך וואוין שוין אפאר יאר אין מאנסי און איך הער אז מענטשן פרעגן אים שאלות, ס'זעט אויס ווי דער אייבערשטער וויל זיי נישט דיסעפוינטן"...

*

**הרה"צ רבי פינחס חיים שליט"א מסר להחתן שעון זהב כנהוג, ונפרד מרן שליט"א מהמחותן:**

דער אייבערשטער זאל העלפן הצלחה וסייעתא דשמיא, כל טוב, בשורות טובות, א גוט יום טוב.


בלב נרגש וברגשי הכרה ותודה, משגרים אנו בזה כסא דברכתא, וברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מול ידידנו וידיד כל נפש חי, עושה ומעשה בכל לב ונפש להביא אורה ושמחה בבתי אנשי שלומינו, ה"ה

הר"ר **דוד האפפמאן** הי"ו

**שדכן נאמן בקרב אנ"ש**

לרגל שמחת הולדת הבן למזל טוב

בזכות הסיוע והעזר להקמת בתים נאמנים בישראל, יהא רעווא שיזכה לגדלו לתורה לחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויתגדל לאילנא רברבא, בביאת בן דוד גואלנו, ומלכנו בראשנו בב"א.

המכירים פעולתיך הנשגבות

**ארגון גשר לקשר דחסידי פאפא**

גשר לקשר
א בריק צום קשר של קיימא


ספר
במעון קדשו
זכרונות וגילויים נפלאים
ממעון קדשו של ה'ערלויער רב' זי"ע
בעל שו"ת 'התעוררות תשובה'
שמסר נכדו
הרב
רבי משה יוסף פאשקעס
זצ"ל
חלק ב'
מה יפה ירושתנו
זכרונות מעיר מולדתו 'מאקאווא'
בתפארתה - ורבניה מרנן ה'אוהל משה'
וה'עטרת משה' זצ"ל
הישיבה בעיר פאפא
תחת דגלו של כ"ק מרן 'הויחי יוסף' זי"ע
בצל הרה"ק מבעלזא זי"ע בעיר פעסט
בצל הרה"ק מסקווירא זי"ע
בגיא צלמות בשנות הזעם
מסי"נ על קיום המצוות תחת
חומת הברזל של הקאמוניזם
פסח האחרון אצל הרה"ק מבעלזא
להשיג בכל חנויות הספרים
קחו ברכה אל תוך בתיכם!
הפצה ראשית
שירה
718-871-8652
שירה

# דברות קודש

**אצל שלחן הטהור י"ג מנחם-אב תשפ"ו לפ"ק**
**בהיכל ביהמ"ד הגדול עץ חיים בקרית פאפא**

**יום ב' עקב תשפ"ו לפ"ק**

## התקשרות לצדיק

עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק שלש מאות ועשרה עולמות שנאמר (משלי ח, כא) להנחיל אוהבי יש ואוצרותיהם אמלא. אמר רבי שמעון בן חלפתא לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום שנאמר (תהלים כט, יא) ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום (עוקצין ג, יב).

דארף מען פארשטיין וואס איז דער 'צדיק וצדיק'. זאגט **כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע** (על ששה סדרי משנה - לסיומא דמסכתא) אז דער וא"ו איז א וא"ו המחבר, נישט נאר דער צדיק אליין, נאר אויך די וואס האבן א שייכות צום צדיק וועלן אויך האבן א חלק אין דעם, אתד"ק.

דאס איז דער ענין פון די שלש מאות ועשרה עולמות, ווייל ס'איז דאך דא תר"כ מצות, תרי"ג מצות דאורייתא און שבע מצות דרבנן, צוזאמען איז עס תר"כ, האלב פון די תר"כ מצות נעמען די צדיקים פאר זיך, און די אנדערע האלב לאזן זיי איבער פאר די וואס האבן א שייכות מיט צדיקים, זענען זיי משפיע פאר זיי די אנדערע האלב, דאס מיינט צדיק וצדיק[א].

## אמונת צדיקים

אבער ס'קען נאך זיין די כוונה, אין פסוק שטייט (דברים ה, כד) אז אידישע קינדער האבן געזאגט קרב אתה ושמע וגו' ואת תדבר אלינו, ברענגט רש"י פון מדרש התשתם את כוחי כנקבה וכו' וכי לא היה יפה לכם ללמוד מפי הגבורה. ווייטער

**א.** הוספה זו היא מדברי תורתו של כ"ק מרן זצוק"ל.


# מכון 'אמרות טהורות' פאפא

עת לבכות ועת ספוד, הננו בזה להשתתף בצערו הרב של ידידנו הדגול, איש האשכולות, מלא מדע וחכמה, ספרא רבא, עורך מערכות בעומקה של תורה וחסידות, רב תבונות, מרביץ תורה ויראה במדה גדושה לאברכים יקרים השותים בצמא את דבריו, מהולל ומשובח בשערים המצויינים בהלכה, קולע אל השערה, אהוב ומשובח בפי כל, נח לשמים ולבריות, ה"ה

הרה"ג ר' **ישראל**
**פריעדלאנדער** שליט"א

**עורך ראשי במכון 'אמרות טהורות'**

הוא הגבר אשר סמך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א את ידיו עליו וסמכהו בעריכת ספרי רבותינו הק' לדורותיהם, וממלא את המשימה שהוטלה עליו בכל פרטיה ודקדוקיה באומנות יתירה בחכמה ובתבונה ובדעת לעשות את מלאכת הקודש

בעת כזאת נשתתף בצערו הרב עת אשר מתאבל מרה על פטירת אמו היקרה והצנועה, המפורסמת במעשיה הטובים, מרת **חוה מינדל** ב"ר **אברהם שמואל** ע"ה

**רעיתו של אביו היקר הרה"ח ר' אהרן פריעדלאנדער שליט"א מזקני חשובי אנ"ש**

והנני בזה מעומק לבבינו עם ברכת תנחומים, המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים, ולא תוסיפו לדאבה עוד, ונזכה במהרה לראות בנחמת ציון וירושלים, בביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו בב"א.

**המשתתפים בצערו הרב,** הנהלת מכון אמרות טהורות

שטייט אז דער אייבערשטער האט געזאגט (פסוק כה) היטיבו כל אשר דברו, משה רבינו האט געזאגט התשתם כוחי כנקבה, ער איז נישט געווען צופרידן, אבער הקב"ה האט געזאגט היטיבו אשר דברו.

דארף מען דאך פארשטיין דער ענין, וויאזוי פארשטייט מען דאס אז משה זאגט התשתם כוחי און הקב"ה זאגט היטיבו אשר דברו.

**כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל** פלעגט צו זאגן (ויחי יוסף פ' ואתחנן ד"ה וישמע ה') פונעם **קדושת לוי**, אז משה רבינו איז געווען שכינה מדברת מתוך גרונו, אבער משה רבינו האט זיך נישט געהאלטן אז ער איז אין די מדריגה דערפאר האט ער געזאגט התשתם כוחי כנקבה, אבער הקב"ה האט געזאגט היטיבו אשר דברו, אז ער איז יא אין די מדריגה פון שכינה מדברת מתוך גרונו.

נאך אן ענין זאגט דער טאטע ז"ל, אז דא האבן אידישע קינדער געוויזן די יסוד פון אמונת חכמים און אמונת צדיקים, אז נישט נאר וואס מ'הערט פונעם אייבערשטן גלייבט מען, נאר אויך וואס מ'הערט פון חכמים דארף מען גלייבן, דאס מיינט היטיבו אשר דברו, דאס איז א יסוד אין די תורה אז מ'דארף גלייבן וואס מ'הערט פון די חכמים און נישט נאר וואס מ'הערט מפי הקב"ה, אזוי זאגט דער טאטע ז"ל.

## צדיק הוא ממוצע בין ה' לישראל

אבער ס'קען נאך זיין די כוונה. ס'שטייט אין פסוק (דברים ה, ה) אז משה רבינו האט געזאגט פאר אידישע קינדער אנכי עומד בין ה' וביניכם בעת ההוא להגיד לכם את דבר ה' כי יראתם מפני האש ולא עליתם בהר. טייטשט דער בת עין (פ' ואתחנן ד"ה ועתה נתבאר עוד) אז משה רבינו האט דא געזאגט אזוי, אנכי עומד בין ה' וביניכם, פארוואס האב איך געדארפט שטיין בין ה' וביניכם ס'וואלט דאך געקענט זיין גראד צום אייבערשטן,


ברכת מזלא טבא מעומקא דלבא לכבוד האי מזכה את הרבים, מרביץ תורה וחסידות לקהל עדתנו, מחשובי המשפיעים בקרב קהלתנו הק', ממצדיקי הרבים ככוכבים, שיחו נאה ואמרותיו נעימים, ברוחו פי שנים, תורה ויראת שמים, שמו הטוב נודע בשערים, איש החינוך ונשוא הפנים, ה"ה

הרה"ג ר' **יואל**
**פריעדמאן** שליט"א

ר"מ בישיבתה"ק מתיבתא קרית פאפא ויו"ר ועד החינוך דמוסדותינו הק'

**מגיד שיעור בקרב קהלתנו הק' פה מאנסי**

לרגל שמחת נישואי בתו עם החתן החשוב בנימין זאב הי"ו בן הרה"ג ר' משה פנחס אייכלער שליט"א מנהל ישיבת מאור התלמוד

**בהאי זימנא נביע רגשותינו מול פני המגיד שיעור שליט"א, שזה כמה שנים שאנו שותים בצמאון את דבריו היקרים מפז ופנינים, כאשר עם לשונו הזהב מכניס בנו אור הפרשה עם חיות דקדושה מיוחדת, אשר כל שומעיהם מעידים שזה מכניס בהם צורה חדשה לכל השבוע**

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיזכה לראות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, ויזכה להמשיך להאיר עיני ישראל המחכים לו מתוך הרחבת הדעת, עושר ואושר ירוצו אחריו כל ימי חייו, עדי נזכה לביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו בב"א.

**המברכים מקרב הלב**
משתתפי השיעור במסגרת כולל יום ראשון

דאס איז וויבאלד כי יראתם מפני האש, ווייל מ'האט נאר מורא געהאט פון די פייער; פון די פייער דארף מען מורא האבן?! פונעם אייבערשטן דארף מען מורא האבן!

משה רבינו איז נישט געווען צופרידן פון אידישע קינדער אז זיי האבן נאר מורא געהאט מפני האש, דערפאר האט ער זיך געשטעלט בין ה' ובין ישראל, אזוי זאגט דער בת עין.

דארף מען דאך פארשטיין, וואס איז פשט אז אידישע קינדער האבן אין אזא הויעכע מעמד ווי קבלת התורה נישט געהאט קיין יראה נאר מפני האש, אז מ'האט געדארפט צוקומען צו דעם אז משה רבינו זאל זיך שטעלן בין ה' ובין ישראל.

נאר ס'קען זיין אז דאס איז געווען טאקע צוליב דעם, כדי אוועקצושטעלן א יסוד אז מ'קען נישט מקבל זיין די תורה אן משה רבינו, ס'איז נישט דא אזא זאך! ס'קען נישט זיין אנדערש! משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע (אבות א, א), משה רבינו האט געדארפט מקבל זיין די תורה, הקב"ה האט געזאגט אז משה רבינו דארף זיין א ממוצע צווישן דער אייבערשטער און די אידישע קינדער.

דאס איז א יסוד אויף אלע דורות, אזוי ווי ס'שטייט אין ספרים הק' (ויגד יעקב פ' בהעלותך ד"ה עשה לך) אז פונקט אזוי ווי מ'קען נישט קוקן אויף די זון נאר מ'דארף נעמען אזעלכע גלעזער וואס זענען פארשווארצט, אויף דעם דארף מען האבן די צדיקים כדי מ'זאל קענען נהנה זיין פון די אורות פון הקב"ה, דאס איז פשט פארוואס לויט'ן בת עין איז געשען אזא זאך אז די אידישע קינדער האבן זיך נאר דערשראקן מפני האש, כדי אוועקצושטעלן א יסוד אויף ווייטער אז ס'זאל זיין אנכי עומד בין ה' וביניכם, אז די תורה גייט דורך משה רבינו; דאס איז א יסוד לדורות.

## מדריגות הצדיקים

די גמרא זאגט אין יומא (עא.) כי מיפטרי רבנן בפומבדיתא אמרי הכי מחיה חיים יתן לך חיים ארוכים וטובים ומתוקנין, טייטשט דער **הייליגער חתם סופר** (חידושי חת"ס על הש"ס מסכת יומא שם) אז ס'איז דאך ידוע אז אין הקב"ה מייחד שמו על הצדיקים בחייהם אזוי ווי רש"י ברענגט אין פרשת ויצא (לא, מב), נאר יצחק איז געווען כהו עיניו און דאס זעלבע איז געווען ביי יעקב אבינו אזוי ווי ס'שטייט (בראשית מח, י) ועיני ישראל כבדו מזוקן, ממילא טאמער הקב"ה איז מייחד שמו על הצדיקים איז עס נאר אויב ס'איז כהו עיניו.

אבער ס'איז פארהאנען א העכערע מדריגה פון דעם, דאס וואס ס'שטייט ביי משה רבינו (דברים לד, ז) לא כהתה עינו, משה רבינו האט זוכה געווען אז ער האט נישט געמוזט אנקומען צו כהו עיניו, נאר הקב"ה האט אפילו אן דעם מייחד געווען שמו על משה. זאגט דער חתם סופר אז ווען משה רבינו איז געבוירן געווארן שטייט (שמות ב, ב) ותרא אותו כי טוב הוא, נתמלא הבית כולה אורה (סוטה יב.), דאס איז געווען וויבאלד ער איז געווען מיט אזא העכערע מדריגה אין קדושה.

דאס איז די כוונה אין די גמרא וואס די חכמים האבן געוואונטשן אז מ'זאל זוכה זיין צו חיים ארוכים וטובים, 'טובים' איז מרמז אויף דעם ותרא אותו כי טוב הוא, ס'איז מרמז אויף די אור פון תורה הק', אויף די אור פון קדושתו יתברך, דהיינו אז ער האט געוואונטשן אז מ'זאל זוכה זיין צו זיין אויף א העכערע מדריגה בבחינת אור כי טוב אזוי ווי ס'שטייט ביי משה רבינו, אתד"ק.

לפי זה קען זיין די כוונה פון עתיד הקב"ה להנחיל לכל 'צדיק וצדיק', אז מ'דארף מכיר זיין יעדע סארט מדריגה פונעם צדיק, תלמידים וואס קערן זיך אן אין צדיקים, חסידים ואנשי מעשה וואס קערן זיך אן אין צדיקים, דארפן זיך מתבונן זיין אין די מדריגה פונעם צדיק, וואס יעדע צדיק האט זיך זיין מדריגה און לויט זיין מדריגה איז הקב"ה מנחיל אז מ'זאל קענען זוכה זיין צו די השפעה פון די עבודות און די מדריגות פונעם צדיק.

## יראת שמים בכח הצדיקים

איז די משנה ממשיך ווייטער 'שלש מאות ועשרה עולמות'. קען זיין די כוונה, ס'איז ידוע וואס די גמרא זאגט (מנחות מג:) חייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום שנאמר ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, איז רש"י דארט מסביר 'קרי ביה מאה'. זאגט דער מהרש"א פשט, אז ס'איז ידוע אז ווען מ'זאגט 'אל תקרי' מיינט אז מ'קען נישט אנקומען צום פשט נאר אויב מ'ליינט עס אנדערש, ממילא דא שטייט 'כי אם ליראה' איז דאך ידוע וואס די גמרא (ברכות לג:) אטו יראה מילתא זוטרתא, אלא מאי קען דאך נישט זיין כפשוטו אז ס'מיינט יראה, וועגן דעם זאגט רש"י אל תקרי מה אלא מאה, אז אלא מאי קומט דאס מרמז זיין אז מ'דארף מאכן מאה ברכות.

אבער לכאורה דארף מען פארשטיין, ווי קען מען לייגן מאה ברכות אנשטאטס יראה. אבער דער תירוץ איז, אז א איד דארף וויסן אז אפילו מ'האלט נאכנישט אין די מדריגה פון יראה, דארף מען אבער כאטש דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס מ'האט, דאנקען איז דאך א דבר שכלי, דו גלייבסט דאך אז דו האסט אלעס פונעם אייבערשטן ממילא דארפסטו לויבן דעם אייבערשטן נישט איין מאל נאר נאכאמאל און נאכאמאל, אזוויי ערליכע אידן טוען לויבן דעם אייבערשטן בכל לבם ובכל נפשם ממש.

ממילא אזוויי יעדע דבר שבקדושה ווערט דאך איבערגע'חזר'ט אין צען, טוט מען נאכאמאל דאנקען דעם אייבערשטן און נאכאמאל ביז הונדערט, און באופן זה וועט מען קומען נאכדעם צו יראה; דאס מיינט אל תקרי מה אלא מאה, אז מ'דארף אנהייבן מיט די עבודה פון מאה ברכות צו דאנקען דעם אייבערשטן און אזוי וועט מען שפעטער קומען צו יראה.

דאס קען זיין דער רמז פון 'שלש מאות', לויט ווי דער טאטע ז"ל פלעגט צו זאגן אז שלש מאות איז מרמז אויף די דריי חלקים פונעם צדיק: "תורה, עבודה, גמילות חסדים"; ממילא הגם דורכדעם וואס א איד מאכט די מאה ברכות קומט ער נאכדעם צו יראה, דארף מען אבער נאכאלץ וויסן אז דאס אליין איז נישט גענוג אז מ'זאגט מאה ברכות נאר מ'דארף זיך מדבק זיין אין צדיקים, ווייל צו די יראה קען מען אויך נאר קומען דורך צדיקים, דורכדעם וואס מ'איז זיך מדבק אין צדיקים.

דער ענין פון 'עשרה' קען זיין, אז א איד דארף וויסן אז נאכדעם וואס מ'איז פערטיג מיט די מאה ברכות דארף מען אנהייבן נאכאמאל פון אנפאנג, מ'ווערט קיינמאל נישט פערטיג, ווייל אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה ואחד (חגיגה ט:), מ'דארף שטענדיג נאכאמאל אנהייבן פון פריש מיט די אלע עבודות. ממילא אז א איד טוט אזוי, הייבט זיך עס אויף צו צען ווייל יעדע דבר שבקדושה ווערט דאך נתרבה מיט צען, דאס איז דער ענין פון 'שלש מאות ועשרה עולמות'.

## בדרכי בעל הילולא

נו, עכ"פ וואס דארפן אונז וויסן דא. אונז שטייען היינט אין א דור וואס אמאל איז געווען גרויסע גרויסע צדיקים וואס האבן אונז געפירט, דער טאטע ז"ל האט אונז געפירט מיט זיין מסירות נפש און מיט זיין גרויסקייט, סיי מיט זיין תורה סיי מיט זיין עבודה און סיי מיט זיין גמילות חסדים, מיט אלע ענינים וואס ער האט זיך אוועקגעגעבן.

אבער וואס עס ליגט אויף אונז היינט צו טון איז, אז אונז דארפן זיך צאמנעמען און זיך האלטן אין די דרכים, זיך האלטן מיט'ן יסוד וואס דער טאטע ז"ל האט אוועקגעשטעלט אן קיין פשרות און אן קיין חכמות, דער טאטע ז"ל האט אוועקגעשטעלט דעם יסוד מיט הארעוואניע און מיט גרעסערע כוחות, ממילא דארף מען זיך צאמנעמען זיך צו האלטן אין זיינע דרכים.

## מדת השלום

דאס ערשטע זאך איז, לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום, דאס איז מרמז אויף אחדות, א כח הרבים האלט דאס צוזאמען און דאס מאכט עס פאר א כלי מחזיק ברכה, א כלי וואס האלט אונטער אז די השפעות זאלן נישט נאבד ווערן.

ממילא אין אזא טאג וואס אונז זענען געווען אויבן ביים ציון און מ'האפט אז מ'האט גע'פועל'ט אלעס גוטס יעדער איינער וואס ער דארף לכלל ולפרט, דארף מען האלטן א כלי צו אונטערהאלטן די השפעות; וואס איז דער כלי? דער כלי איז די מדת שלום די מדת האחדות.

## הודאה לה'

מ'דארף צו וויסן אז אויף יעדע זאך דארף מען לויבן דעם אייבערשטן, ס'קומט זיך נישט אלעס, מ'דארף שטענדיג לויבן דעם אייבערשטן.

## הכרת הטוב

נאכדעם דארף מען צו וויסן, אז מ'דארף מכיר טובה זיין פאר די אלע עסקנים וואס זענען עוסק בצרכי ציבור, סיי פון די קהלה, סיי פון די מוסדות און סיי פון אנדערע ענינים וואס זענען צרכי ציבור, מ'זאל נישט מיינען אז ס'קומט זיך, עס קומט זיך גארנישט! אפילו טאמער מ'צאלט עפעס געלט, צאלט זיך עס אבער נישט אויס.

בפרט אזוויי היינט דארף מען דאך מוסיף זיין, ס'איז שווערע שווערע זמנים, מ'קען נישט שטיין אויפ'ן גבול, דארף מען אלץ מוסיף זיין נאך גדרים און נאך גדרים, אזוויי

ס'שטייט אין ספרים (צמח ה' לצבי פ' ויגש ד"ה העוד) אויפ'ן פסוק (בראשית מה, כח) עוד יוסף בני חי, אז יוסף הצדיק האט געהאט א מדה פון 'עוד' ער איז קיינמאל נישט פערטיג געווארן מיט אידישקייט, ער האט געוואלט נאך און נאך, פון אידישקייט ווערט מען נישט פערטיג, דאס מיינט עוד יוסף בני חי, אז יעקב האט געפרעגט אויב דער 'עוד' פון יוסף וואס ער וויל נאך דינען דעם אייבערשטן און ער ווערט קיינמאל נישט פערטיג, צי דאס איז חי, צי דאס לעבט נאך.

דאס איז דער אופן וויאזוי דער טאטע ז"ל האט כסדר תובע געווען און געארבעט אין אלע שטחים און אין אלע ענינים, סיי אין די יונגעלייט און סיי אין די בחורים, סיי אין די מוסדות די חינוך הבנים און סיי אין די חינוך הבנות, ממילא אויב שטייט מען אין א זמן וואס מ'דארף מוסיף זיין מער, דארף מען דאך אויך האבן מער געלט דערצו.

נישט נאר געלט דארף מען האבן, נאר מ'דארף אויך חיזוק, מ'דארף געבן א גוט ווארט פאר די אלע עסקנים פון אלע פלעצער, סיי אין וויליאמסבורג, סיי דא אין קרית פאפא, סיי אין בארא פארק, סיי אין מאנסי, סיי אין לינדען, וואו ס'זאל נאר נישט זיין דארף מען זיי מכיר טובה זיין.

## סדר והגית

מ'דארף מחשיב זיין אלע ענינים, מ'זאל מחשיב זיין דער ענין פון 'והגית', ס'איז א דבר חשוב מאוד, דער עולם איז נהנה דערפון אבער מ'דארף אליין מכיר זיין וואס מ'האט, ס'איז א געוואלדיגע תכלית דאס, אבער מ'דארף וויסן אז דאס איז נישט גענוג, סדר והגית איז נישט אז מ'טאר נישט לערנען מער... דאס איז נאר לכל הפחות, אבער אודאי מעג מען מוסיף זיין, מ'קען לערנען מער, מ'קען האבן שיעורים אין שלחן ערוך, שיעורים אין חסיד'ישע ספרים וכדומה.

## כשרות הבשר

כ'וויל זאגן נאך א זאך, קהל טוט שוין לאנג אויפארבעטן די פלייש געשעפט, מ'האט אלץ געהאלטן אז אזא וויכטיגע זאך ווי כשרות דארף מען האבן אן אייגענע זאך, ממילא איז דאס כדאי, ס'איז א חשוב'ע זאך און מ'דארף דאס מכיר זיין.

## תורה עם יראת שמים

אז מ'רעדט פון חינוך דארף מען צו וויסן, אז מ'קען נישט מחנך זיין די קינדער נאר אויב ס'גייט אינאיינעם זקנים עם נערים צוזאמען, מ'קען נישט אריינשטעלן א קינד אין מוסד און נישיט זיין קיין חלק פון דעם.

ביי אונז פלעגט מען צו זאגן "תורה מיט יראת שמים", וואס הייסט דאס "תורה מיט יראת שמים"? אז מ'דארף הארעווען אויף תורה און מ'דארף הארעווען אויף יראת שמים, מ'לייגט אריין אין דעם א שטארקע דגוש. אין דעם לייגט מען אריין כוחות און כוחות, סיי אין ישיבה, סיי אין כולל, סיי אין תלמוד תורה, סיי אין די בתי חינוך לבנות; מ'לייגט אריין שטארקע כוחות אז ס'זאל זיין "תורה מיט יראת שמים".

ממילא דארף מען צו וויסן אז די שטובער דארפן מיטשטיין מיט דעם, ווייל די גאנצע שטוב איז אויך א חלק פון די חינוך, אז מ'וויל מחנך זיין די שטוב דארף מען זיך אויך אליין מחנך זיין.

## ליין-מאטריאל

מ'דארף צו וויסן אז אויף די גאס בלאזן שטארקע ווינטן, כ'וועל נאר זאגן א קליינע דוגמא, די שטובער דארפן זיין אפגעהיטן פון די ליין-מאטריאל, אודאי דארף מען דערציילן שבת סיפורי צדיקים, אבער מ'דארף זיין אפגעהיטן פון פארשידענע ליין-מאטריאל וואס ווער האט דאס שוין געשריבן... חוץ מזה וואס עס זענען דא אזעלכע מאגאזינען וואס דרייען זיך ארום וואס זענען שטארק בלתי רצויים, ס'מאכט קאליע, ס'איז א גרויסע היזק און מ'דארף זיין אפגעהיטן דערפון.

## טעלעפאנען

דער ענין פון טעלעפאנען זאלן זיין אפגעהיטן פון די אלע היזקים וואס קען ארויסקומען פון דעם, מ'זאל נישט מקיל זיין אין די אלע ענינים, מ'זאל עס האלטן מיט די שטערקסטע שמירות. לעצטנס איז ארויסגעקומען א נייע פראגראם וואס טוט היטן און פארשפארן די טעלעפאנען אז ס'זאל נישט אריינקומען קיין זאכן וואס זענען בלתי רצויים, איז אודאי כדאי דאס אוועקצושטעלן.

## הלבוש והלשון

נאכדעם דארף מען צו וויסן אויף די ענינים פון צניעות, סיי ביי זיך אליין, סיי ביי די נשים און סיי ביי די קינדער, סיי דער לבוש און סיי די התנהגות. מ'דארף וויסן אז ס'איז נישט דא קיין תירוץ אז מ'טרעפט נישט אויף די גאס א חסיד'ישע

לבוש, אויב טרעפט מען נישט קיין חסיד׳ישע לבוש וואס אנצטון גייט מען נישט היינט אין חדר! האט דען איינער געהערט אזא זאך, ״איך טרעף נישט קיין כשר׳ס צו עסן, וועל איך עסן טריפה״... ס׳איז נישט דא אזא זאך!

ס׳איז ידוע וואס רש״י ברענגט עה״פ (במדבר כא, א) וישמע הכנעני מלך ערד יושב הנגב כי בא ישראל דרך האתרים וילחם בישראל, אז דער לבוש איז געווען פון כנעני און דער לשון איז געווען עמלקים. לכאורה איז שווער פארוואס האבן זיי נישט משנה געווען אינגאנצן אויך דער לבוש, זאגט אויף דעם **כ״ק מרן מהר״י מבעלזא זי״ע** אז אויב מ׳איז משנה די לשון מיט׳ן לבוש איז מען טאקע דאס!

ממילא דארף מען צו וויסן אז מ׳דארף זיין אפגעהיטן סיי מיט׳ן לבוש און סיי מיט׳ן דיבור, די דיבור זאל זיין אזויווי עס דארף צו זיין, סיי מ׳זאל רעדן מיט די אידישע שפראך און סיי אז די לשון דארף זיין איידעלע לשונות.

מ׳זאל זיך נישט ארײנלאזן אין די שטותים און נארישקייטן פון די גאס, מ׳דארף דאס מגנה זיין! אז ס׳קומט א שבת זאגט מען נאך פאר׳ן קינד א גוטווארט, א תורה צי א מעשה פון צדיקים, אבער שטותים און נארישקייטן האט נישט קיין פלאץ ביי אונז, מ׳דארף דאס מגנה זיין.

## התרחקות ממותרות

מ׳דארף זיך מרחק זיין פון מותרות. לדוגמא, ביי אונז אין בית המדרש איז שוין איינגעפירט א דבר טוב אז ביי א קידוש געבט מען נישט קיין גרויסע זאכן, מ׳געבט נאר לעקיך מיט ברוינפן און וויין.

האב איך געטראכט אז אפשר וואלט מען דאס אויך געדארפט איינפירן ביי א וואכנאכט, א וואכנאכט איז דאך א שמירה, וואס איז די שמירה? די שמירה איז אז מ׳קומט זיך צוזאם און מ׳רעדט דברי תורה און סיפורי צדיקים, איז געקומען איינער און איינגעפאלן א משוגעת אז מ׳געבט אלע מיני סארט מאכלים, ווארעמע מאכלים מיט אזעלכע מאכלים; מ׳געבט עפעס נאכטמאל דא?... אודאי איז א מצוה צו געבן נאכטמאל פאר א איד וואס איז הונגעריג, דארף מען געבן נאכטמאל פאר הונגעריגע אידן, אבער דאס איז אן עקסטערע זאך, וואו קומט דאס צו א וואכנאכט?... מ׳וואלט וועגן געדארפט מאכן דאס זעלבע ווי ביי א קידוש אז מ׳געבט נאר די פאר זאכן.

מ׳קען נאך רעדן פון דער ענין פון מותרות, ס׳האט נישט צו טון צי ס׳קאסט יא צי נישט, מ׳רעדט יעצט פון דער עצם ענין פון מותרות.

היינט גייט עס דאך אז יעדע יונגערמאן האט א קארטל און מיט דעם פארט מען אויף מירון און ליזענסק, איי ווער וועט עס באצאלן? די קארטל וועט עס שוין באצאלן... אבער מ׳דארף וויסן אז ס׳גייט נישט אזוי, יונגעלייט דארפן וויסן וויאזוי צו לעבן, פלוצלינג ווערט מען א בעל בטחון אז דער דער אייבערשטער וועט שוין העלפן... עס גייט נישט אזוי.

אבער דא רעדט מען נישט דווקא ווייל ס׳קאסט געלט, נאר ס׳איז נישט קיין זאך אז מ׳זאל זיך ארײנלייגן די קאפ אין שטותים און נארישקייטן.

דער קליינער יונגעלע טוט מען אן א קליינע ׳העטעלע׳ אנשטאטס א קאשקעטל, צי מ׳טוט אים אן עפעס אזא רעקעלע און מ׳זאגט ״ס׳איז גארנישט, דער קינד איז נאך קליין״; מ׳דארף אבער צו וויסן אז פון דעם קליינעם קינד וועט עס נאך וואקסן ווייטער, ווען הערט זיך דאס אויף? אז ער וועט ווערן עלטער וועט ער ווייטער וועלן די ענינים, ממילא דארף מען מחנך זיין אזויווי עס דארף צו זיין און מגנה זיין אלע שטותים.

מ׳קען רעדן און רעדן און רעדן, אבער דער עיקר איז ס׳איז דא ברוך ה׳ חסיד׳ישע בחורים, חסיד׳ישע יונגעלייט, חסיד׳ישע שטובער, מיט פיינע מוסדות.

## ברכות לרוב

זאל דער אייבערשטער העלפן מ׳זאל זיך קענען ווייטער האלטן, מ׳זאל קענען אנגיין ווייטער, ביי סליחות (לבה״ב יום חמישי) זאגט מען אנשי אמנה אבדו פסו גודרי פרץ, ממילא נאר מיט׳ן כח פון אחדות וועט מען זיך קענען האלטן און ווייטער אנגיין.

דער אייברשטער זאל העלפן מ׳זאל האבן גע׳פועל׳ט אלעס גוטס בגשמיות וברוחניות, ס׳זאל זיין א נחת רוח פאר אונזערע עלטערן און פאר׳ן טאטן ז״ל דער בעל הילולא, ס׳זאל נתקדש ווערן שם שמים על ידינו, מיר זאלן זוכה זיין שוין בקרוב צו גיין קעגן משיח צדקנו בב״א.



# חדשות על המערכת

## פרשת ראה תשפ"ו

**אלע רעקארדירונגען פונעם געהויבענעם טאג י"ג מנחם-אב בצל הקודש אויף 6 > 2 > 4**

דרשה נלהבה עובדות וסיפורים ע"י **הרה"ג ר' לייבל פינקלשטיין שליט"א** אצל **התוועדות חסידים להילולת מרן מבעלזא זי"ע** בבית מדרשנו מאנסי 4 > 5 > 1 > 5

שמועס עם **הר"ר מאיר מרדכי גאמבא הי"ו** לכבוד השלושים **לפטירת אביו הרה"ח ר' אלכסנדר גאמבא ז"ל** 1 > 3

**קאנפרענס לשדכנים** חמשה עשר באב תשפ"ו 4 > 7 > 1

**סעודת הילולא לרגל הילולת כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל ברחבי אנ"ש** 6 > 4 > 2

**הרה"ג ר' שלמה שבתי קעסטנבוים שליט"א בעניני שידוכים** חמשה עשר באב בהיכל ביהמ"ד הגדול 4 > 7 > 1

**פאנעל מעניין עם חסידים ואנשי מעשה לקראת היומא דהילולא** י"ג מנחם-אב בהיכל מתיבתא קרית פאפא עם **הר"ר יחיאל טויבער, הר"ר ישראל יואל וועבער, הר"ר אברהם צבי דאסקאלאוויטש, הר"ר אהרן קויפמאן, הרב יצחק העכיל, הרב חיים זאב ווייס, הרב הערשל בוים** 6 > 4 > 2

## זבלכתך בדרך

יעדע **דאנערשטאג ווען איר פארט ארויס די ווייטע וועג צו די קעטסקילס** נוצט אויס די צייט מיט **אינהאלטסרייכע תוכן און ידיעות**

1←2 פון די מעין מעניו




ווערט אפדעיטעד עטליכע מאל א טאג | אזוי אויך גייט ארויף סוף וואך ענינים בפרשה מפי מגידים מפורסמים

## 'עתיקא קדישא'

וועכענטליכע פראגראם 7←5

### פרשת עקב

ניגון 'פתחו לי' מיוחס למרן הקרן לדוד זי"ע - בסוף הניגון תנועת 'קלי אתה' ליל פסח

### פרשת ראה

ניגון 'אנעים זמירות' בעלזא - בין הניגונים המושר בחצרות קדשנו על 'מכלכל חיים' יום הקדוש

מערכת פאפא

המפעל לתורה וחסידות

קול קהלת יעקב

קו אנ"ש חסידי פאפא

**718.480.7872**


1 **מהנעשה והנשמע בחצרות קדשינו**

2 **מדור 'דברות קודש'** מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
- **#1 לבחורי הישיבות ובני הכולל**
- #2 ביקורי האדמורי"ם שליט"א
- **#3 הספדים**
- #4 ניחום אבלים
- **#5 שונות**
- #6 משנים קדמניות
- **#7 תפלות**
- #0 דברות קודש בולעטין

3 **מדור 'קולו בקודש'** מכ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל
- **#1 דרשות**
- #2 מעמדים
- **#3 הספדים**
- #4 מועדים
- **#5 תפלות**

4 **שיעורים ודרשות**
- **#1 שיעורי יומי ושבועי**
- #2 שיעורי הלכה
- **#3 מועדים וזמנים**
- #4 עניני תורה ועבודה
- **#5 סיפורי צדיקים והיסטוריה**
- #6 עומדים על הפרק
- **#7 שונות**
- #0 דרשות ושיעורים בולעטין

5 **תפילות טישן ומעמדים**
- **#1 מועדים וזמנים בצל רבותינו הק'**
- #2 שמחות בית פאפא
- **#3 סיומי והגית**
- #4 דינערס לטובת מוסדותינו הק'
- **#5 מסיבות וטיי אווענט'ס**
- #6 מעמדים, קבלת פנים, וחנוכת הבית
- **#7 חומש סעודה'ס**
- #8 שאר מעמדים

6 **מדור 'זכות אבות'**
- **#1 הספדים על רבותה"ק ומשפחת המלוכה**
- #2 יומא דהילולא של רבותה"ק בצל הקודש
- **#3 'נסיעות' של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**
- #4 סיפורי צדיקים מפי תלמידים וחסידים

7 **ניגונים ונוסחאות**

9 **שידור חי, ולהשאיר הודעה**

0 **חדשות על המערכת**

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ"ק מרנן רבותינו הק' קמא קמא דמטא לידן

### יהי כבוד ה'

## סיפר הגה"צ **רבי יעקב יצחק ניימאן** זצ"ל הרב ממאנטרעאל:

**כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע** היה רגיל לומר בדרך צחות אודות חילוקי דעות בין חוגים בתוך כלל ישראל: "דער הייבט אן ביי הודו און דער הייבט אן ביי ברוך שאמר, אבער ווען עס קומט צו יהי כבוד ה' פאראייניגט מען זיך", והיינו שלמען כבוד שמים כולם מתאחדים. (שו"ת אגורה באהלך חלק ב סימן א).

### גלגול שלג

## סיפר הגה"ח ר' **משה יוסף פאשקעס** ז"ל:

**כ"ק מרן זצוק"ל** היה נותן הכשר על החלב פה באמעריקא, ונסע עבור זה הרבה פעמים מחוץ לעיר להשגיח במקומות שהיו חולבים את הפרות.

**שמעתי** מאחד מהמשמשים בקודש, שפעם ביום חורף כשהשלג כיסה את פני הארץ, ביקש מרן ז"ל לנסוע לכפר אחד שבו חלבו הפרות להשגיח על החליבה, הוא ליוה את מרן ז"ל להחליבה, אבל פתאום הסתובב ולא ראה את מרן ז"ל. הוא יצא לחפש את מרן ז"ל ולא מצאו, רק אחר חיפוש רב מצא את מרן ז"ל כשהוא מתגולל בשלג. פה מצא מרן ז"ל הזדמנות מיוחדת לעשות 'גלגול שלג' בלא רואים. (מה יפה ירושתנו [א]).

---

**א.** ה"ה ספר חדש 'במעון קדשו-מה יפה ירושתנו' שיצא לאור ע"י משפחת פאשקעס הי"ו מזכרונותיו העתיקים של ראש משפחתם האי איש צדיק חסיד הגה"ח ר' משה יוסף פאשקעס ז"ל. הספר מעוטר עם הסכמת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אשר כתב עליו בין הדברים בלשו"ק: "ועליו מתאים לתארו בשם א אייניקל פון הייליגען חתם סופר".


# כולל 'קהלת יעקב' דחסידי פאפא

**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

נשגר בזה כסא דנחמתא קדם האי גברא רבה העומד לשרת לפני העדה במסירות ונאמנות, דולה ומשקה בבהירות מבקיאותו מחריפותו ומידיעותיו המרובים לפני האברכים שומעי לקחו השותים בצמא את דבריו היקרים מפז, שמועתו נאה, עושה פרי תבואה, מסור ונתון לכל אברך ואברך בכוללנו באופן יוצא מן הכלל, ה"ה

## הרה"ג ר' **ישראל פריעדלאנדער** שליט"א

**ראש החבורה בכוללנו**

**המתאבל מרה על פטירת אמו החשובה מרת חוה מינדל ב"ר אברהם שמואל ע"ה**

**כן נשגר בזה ברכת תנחומים מול אביו החשוב הרה"ח ר' אהרן שליט"א מחשובי זקני עדתינו**

מתוך רגשי צער יגון ואנחה הננו מביעים את עמקי תנחומינו, המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים ולא תוסיפו לדאבה עוד, יושר תליץ בעדו שיזכה להמשיך הרבצת תורה ויראה, עדי נזכה לקיום היעוד ובלע המות לנצח בביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו בב"א.

כ"ד המשתתפים בצערו: **הנהלת הכולל - רבני ואברכי הכולל**

### שויתי ה' לנגדי תמיד

## סיפר הרה"ח ר' **אפרים וועבער** שליט"א:

**פעם** נכנסתי אל **כ"ק האדמו"ר רבי שמואל צבי מספינקא זצ"ל**, בין הדברים שאל אותי: "וואו געהערסטו?" עניתי לו שאני 'פאפא חסיד', התרגש האדמו"ר מספינקא ודיבר בשבחו של **כ"ק מרן זצוק"ל**, ואמר לי בלשונו: "כ'האב באמערקט אויפ'ן פאפא רב ז"ל אז ער איז מקיים דעם שויתי ה' לנגדי תמיד, ער איז קיין איין רגע נישט מסיח דעת פונעם הייליגן באשעפער".

### קדושת מחנה הקיץ

## סיפר הרה"ג ר' **חיים יעקב כהן** שליט"א:

**זכורני** שפעם בשבועות הקיץ נסע **כ"ק מרן זצוק"ל** ממעון קדשו במחנה הקיץ אל תוך העיר לצורך איזה ענין פרטי. כשיצא מביתו נאוה קודש במחנה עמדה שם בתו הבכירה **הרבנית מטערצאל תליט"א** עם ילד קטן, מרן ז"ל פנה אליה ושאלה בלשון קצרה: "נו?" כלומר האם זהו בנה, משענתה בחיוב הרים מרן ז"ל את ידו הק' והניחו על ראש הילד, ובירך אותו בברכת הבנים.

**אחר** כך נכנס מרן ז"ל להמכונית, כשהבחין מרן ז"ל על הבחורים שעמדו שם, פנה אלינו ואמר לנו במאור פנים: "עס שטייט דאך (מגילה כט.) עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבל שיקבעו בארץ ישראל, די גאנצע קעמפ האט מען דאך געקויפט פאר תורה פון תינוקות של בין רבן, אויב אזוי וועט נישט נאר די בתי מדרשות ארויפגיין, נאר די גאנצע ערד פון די קעמפ וועט ארויפגיין קיין ארץ ישראל".

**בהזדמנות** אחרת, כשנכנס מרן ז"ל למכונית בדרכו לאיזה רופא לצורך בריאות גופו הטהור, הבחין בהבחורים שעומדים סביבו לקיים ויביטו אחרי משה עד בואו האהלה (שמות לג, ח), אז פנה מרן ז"ל מתוך החלון לעבר הבחורים ואמר בלשון בקשה: "בעטס פאר מיר".

### הילולא דצדיקיא

## סיפר הר"ר **אברהם בער פריעדמאן** הי"ו:

**בשנים** קדמוניות היה הסדר אצל **כ"ק מרן זצוק"ל** שחלק משבועות הקיץ שהה בעיר הנופש סאראטאגע, וחלק מהקיץ במחנה הקיץ דחסידי פאפא.

**בשנת** תשכ"ה לפ"ק בעת שלמדתי בישיבה אירע שמרן ז"ל הגיע מסאראטאגע למחנה הקיץ ביום כ"א מנחם-אב יומא דהילולא של **כ"ק מרן מבעלזא זי"ע**. הבחורים שרצו לשמח לב מרן ז"ל חילקו ביניהם משניות סדר מועד לסיימו לכבוד ההילולא, והכינו סעודה רחבה לכבוד היום.

**בעת** ערב כשהגיע מרן ז"ל לישיבה במחנה הקיץ הודיעו למרן ז"ל שהכינו סעודה לכבוד היומא דהילולא, בשמעו זאת נהרו פני מרן ז"ל ואמר: "אזוי? געלויבט דעם אייבערשטן אז מיינע בחורים האבן השגות".

### אויר רוחני

## סיפר הר"ר **משה שמואל דייטש** הי"ו:

**בחורף** שנת תשל"א לפ"ק זכיתי לשמש בקודש לפני ולפנים אצל **כ"ק מרן זצוק"ל** בעת שהתעכב בעיר הנופש סיגעיט אחר שעבר ניתוח קשה.

**באחד** מן הימים בעת שיצא מרן ז"ל לטייל לצורך בריאות גופו הטהור, אמר לי מרן ז"ל בלשון קדשו: "נישט נאר די גשמיות'דיגע לופט דא איז בעסער, נאר אויך די רוחניות'דיגע לופט איז בעסער דא".


מבקשים אנו מאנ"ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק' זיבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי"ו על הקו המיוחד 5548-450(646)

כל הזכיות שמורות ל'מערכת פאפא'
718.480.7872
להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 > 0**

POWER ROOTER 718.686.8686

אריינצולייגן אייער מודעה אדער 'מזל טוב' פארבינדט אייך אויף:
**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג